בעזהשי"ת

# קונטרס

# חידושי תורה

## פרשת חיי שרה

יו"ל על ידי

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל**

**מסאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל - בני ברק**

**כיתה ו' (א-ב)**

**הר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו**

**הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו**

# חידו"ת לפרשת חיי שרה

**ויהי כאשר כלו הגמלים לשתות ויקח האיש נזם זהב בקע משקלו ושני צמידים על ידיה.**
וקשה למה המתין בנתינת התכשיטין עד ששתו הגמלים. וי"ל דהנה הרמב"ן הביא מדרש שגמליו של אליעזר היו כחמורו של רבי פינחס בן יאיר שהיה נזהר מלאכול מאכלות אסורות או גזולות. והנה קיי"ל דמציאת קטן לאביו. ולפ"ז נמצא שהמים ששאבה רבקה שייכים לבתואל אביה, וא"כ היתכן ששתו הגמלים את המים בלי רשות בתואל, והלא הוי כגזל. ומזה דן אליעזר שמד' יצא הדבר ובודאי רבקה היא זיווגו של יצחק, ואז בוודאי יסכים בתואל לתת את המים לגמליו של בתו וחתנו דזכין לאדם שלא בפניו. ולכן רק אחר שראה ששתו הגמלים דן אליעזר מזה שבודאי היא הזיווג ההגון ליצחק, ולכן נתן לה את הנזם והצמידים.

**(חתם סופר)**

**לא אוכל עד אם דברתי דברי.**
י"ל דהנה אליעזר שהיה רגיל בביתו של אברהם ודלה מתורתו, שמר תורה ומצוות כמוהו, ולכן כששמו לפניו לאכול, חשש אולי המאכלים אינם כשרים בתכלית הכשרות, ולכן אמר לא אוכל עד אם דברתי דברי, ומה דיבר, "עבד אברהם אנכי" פי' שתדעו שאני מתנהג כמותו, ולכן תזהרו להאכיל אותי רק דברים שהם בתכלית הכשרות.

**(הרה"ק רבי אלעזר בן הנועם אלימלך זי"ע)**

וכן הוה עובדא אצל החפץ חיים שהגיע למקום נידח, ואנשי המקום לא הכירוהו, ואחד מהבעה"ב קראו לביתו, בלכתם בדרך גילה לו שהוא החפץ חיים, תמה המארח למה הסתיר ממנו עד עכשיו האורח את זהותו, ענהו שכך אמר אליעזר לבתואל לפני האכילה "עבד אברהם אנכי", והאוכל צריך להיות בתכלית הכשרות, כן תדע שאיני אוכל אלא מאכלים כשרים למהדרין.

## ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל.

**דרשו חז"ל במס' יומא (כח:) אברהם זקן ויושב בישיבה היה, שנאמר ואברהם זקן, אמנם במס' בבא מציעא (פז.) דרשו חז"ל, עד אברהם לא הוי זקנה וכו' אתא אברהם ביקש רחמים והוה זקנה שנאמר ואברהם זקן.**

**וי"ל על פי מה דאיתא בירושלמי (שקלים פ"ב) רב גידל אמר כל האומר שמועה בשם אומרה יראה כאילו בעל שמועה עומד לנגדו.**

**ומעתה יש לקשר שתי הדרשות שדרשו חז"ל מפסוק זה, כי מאחר שהיה אברהם זקן ויושב בישיבה, והרביץ תורה לעדרים, וכן יצחק היה יושב בישיבה ומרביץ תורה כמבואר שם בגמרא, והיו צריכים התלמידים לראות כאילו בעל השמועה עומד לנגדם, ומכיון שלא היה חילוק בין צורתו של אברהם לצורתו של יצחק, לכן ביקש אברהם שיהיה זקנה, שיוכלו להבחין בין צורתו של אברהם לצורתו של יצחק, וכך יצליחו התלמידים בתורתם.**

(ברך משה)

בס"ד

# יארצייט פון צדיקים

## כ"ב חשון

### הגה"ק רבי **ישכר דוב** בן הגה"ק רבי יהושע רוקח **מבעלזא** זי"ע

**דער** בעלזער רב הגה"ק ר' ישכר דוב זי"ע, איז געווען א זון פון הגה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע, און א זון אייניקל פון הגה"ק רבי שלום מבעלזא זי"ע, דער "שר שלום".

**ביי** חסידישע אידן רופט מען אן דער שר שלום מיטן נאמען "דער ערשטער בעלזער רב", און רבי יושע'לע "דער מיטעלער בעלזער רב", און רבי ישכר דוב "דער פריערדיגער בעלזער רב".

**דער** בעלזער רב איז געווען לוחם מלחמת ה' קעגן אלע פרצות הדור, און ספעציעל קעגן די ציונים, אמאל איז געקומען צום טיש פונעם בעלזער רב, עפעס א רב וואס האט געהערט צו די "מזרחי" האט דער בעלזער רב נישט געוואלט אריינקומען צום טיש ביז יענער גייט ארויס, און אפילו די מקורבים האבן אים געבעטן אז ער זאל יענעם נישט פארשעמען, האט ער נאך אלץ נישט געוואלט זיצן מיט אזא איינעם ביים טיש.

**מרן** רבינו בעל דברי יואל זי"ע איז געווען א גרויסער חסיד פונעם בעלזער רב, און ער פלעגט פארן צו אים, מ'קען זעהן אין דברי יואל (פר' תולדות) די מורא'דיגער הספד וואס דער רבי זי"ע האט געזאגט אויפן בעלזער רב:

**"יעצט איז אוועק גענומען געווארן דער זקן הדור און נשיא ישראל, ס'איז כמעט נישט געבליבן קיין קיום פאר'ן דור, ווייל ווילאנג דער צדיק איז געווען מיט אונז האט ער אונז געפירט, עס איז באקאנט פאר יעדן אז דער בעלזער רב זי"ע איז געווען משיירי כנסת הגדולה פון דעם דור פון די פריערדיגע צדיקים, און טויזנטער אידן האבן געשטראמט צו איהם, און נהנה געווען פון זיינע עצות, אבער יעצט בעוונותינו הרבים האבן מיר געליטן אזא שווערע אבידה, מיר זענען זייער צובראכן און צוקלאפט, און מ'קען זיך כמעט נישט צו זיך קומען פון דעם גרויסן צער וואס האט אונז באטראפן".**

**דער** בעלזער רב האט אין די צייטן פון די ערשטע וועלט מלחמה געוואוינט אין ראצפערט, כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע איז דעמאלטס געבוירן געווארן, און זיינע עלטערן זענען אויך געווען אין ראצפערט ביים זיידן הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע, און דער בעלזער רב איז געווען סנדק ביים ברית, האט ער אנגעטוהן דעם שטריימל לכבוד די שמחה און געהייסן זיינע חסידים אויך קומען מיט בגדי שבת צום ברית.

**כ"ק** מרן רבינו שליט"א האט דערציילט, אמאל איז אריינגעקומען צום בעלזער רב א חסיד'ישער איד וואס האט זיך געהאט אריבערגעצויגן קיין פעסט, וואס איז געווען א מאדערנע שטאט, וואס צוליב דעם זענען זיינע קינדער שוין געווען מער מאדערן און זענען געגאנגען מיט קורצע פיאות, ווען דער בעלזער רב האט זיי געזעהן האט ער געפרעגט פארוואס זיי האבן אזעלכע קורצע פיאות, האט דער איד זיך פארענטפערט אז זיי קענען גוט לערנען גמרא תוספות. האט זיך דער בעלזער רב צובייזערט און געזאגט "ס'איז א חוצפה צו לערנען גמרא תוספות מיט אזעלכע פיאות".

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

וַיִּתֶּן לִי אֶת מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה ... (חיי שרה)

# מערת המכפלה

## מערת המכפלה

אין די וואכעדיגע פרשה ווערט דערמאנט די באקאנטע "מערת המכפלה", מיר וועלן אביסל ארום רעדן פון די מערה וואס איז שוין פון אדם הראשון, ווי מיר טרעפן אז אדם מיט חוה האט מען שוין באגראבן אין די מערה, אבער די גרויסע בנין אויף די מערה שטייט אין סדר הדורות אז הורדוס האט עס געבויעט אין די צייטן פון בית שני, פון דעמאלטס האבן די אראבער אכטונג געגעבן אויף דעם פלאץ, און עס אנגעהאלטן ווי א מקום קדוש, ביז מיט א צייט שפעטער האבן זיי נישט אריין געלאזט אידן אין דעם מערה.

אבער דער זיידע פונעם חיד"א וואס האט געוואוינט אין חברון (בערך פאר 400 יאר צוריק) ברענגט אראפ אין זיין ספר חסד לאברהם, אז די בנין איז געבויעט געווארן אזוי ווי די צורה פונעם משכן וואס די אידן האבן געהאט אין מדבר, לויט דעם האבן אסאך גאונים און חוקרים געהאלטן אז דוד המלך ווען ער האט געוועלטיגט אין חברון, האט דאס איבער געבויעט.

בפרט ווי די חוקרים האבן געמאסטן, און שטעלן צו די מאסן פונקטליך אזוי ווי די משכן, סיי די הויעכקייט, ווי די הויעכקייט פון די זוילן, אויך איז דא שוועלן ביי די זוילן, וואס איז אזוי ווי די שוועלן פונעם משכן, אויפן דאך איז דא 27 גרויסע שטיינער, וואס ווייזט אויף די 22 אותיות פון די א' ב', מיט נאך די פינעף אותיות ם' ן' ץ' ף' ך', על כל פנים זעהן מיר אז די בנין איז געבויעט געווארן מיט סודות און כוונות וואס מיר פארשטייען נישט.

## די מערה אונטער דעם

פאר 2000 יאר צוריק, פלעגט מען אריינגיין דאווענען אין די מערה, אבער פון ווען מען האט אנגעהויבן צו בויען די גרויסע בנין, און די אראבער האבן געוועלטיגט אויף דעם, פון דעמאלטס אן, האבן זיי געאסר'ט פאר אידן צו דאווענען אין די אונטערשטע מערה, נאר מען זאל דאווענען אויבן אין די גרויסע מערה, ווי עס שטייט אין חסד לאברהם, די מעשה באריכות:

געווען איז עס ווען די אראבישער סולטאן איז געקומען פון טערקיי, האט ער זיך אזוי שפאצירט אין שטאט חברון, און ער איז אויך אריין אין בנין פון מערת המכפלה, פלוצלינג האט זיין טייערע שווערד זיך ארויסגעגליטשט פון זיין האלטער, און דורך א שמאלער לאך זיך אראפ געלאזט צום אונטערשטן הייל.



דער סולטאן האט גלייך אראפ געשיקט איינער פון זיינע סאלדאטן דורך א שטריק, אבער ווען ער איז אנגעקומען

אונטן איז ער גליך געשטארבן, דער סולטאן האט נישט מוותר געווען אויפן שווערד, און האט אראפ געשיקט צענדליגער סאלדאטן, און אלע זענען געפאלן טויט, האט דער סולטאן באפוילן אויף די אידן פון שטאט חברון, זיי זאלן אים ארויס נעמען די שווערד, וויל טאמער נישט, האט ער זיי געווארנט מיט הרג'ענען רח"ל אנשים נשים וטף.

די אידן פון חברון האבן נישט געוואוסט וואס צו טוהן, האבן זיי זיך צוזאם גענומען, און בלית ברירה געווארפן גורל, ווער זאל זיך מקריב זיין און אריינגיין אל הקודש פנימה, דער גורל איז ארויס געקומען אויף הרב הקדוש ר' אברהם אזולאי (מחבר ספר חסד לאברהם – דער שרייבער פון די מעשה), נאך לאנגע הכנות פון זיך מקדש ומטהר זיין, אנגעטוהן מיט תכריכים–ווייסע קליידער, האט מען צוגעבינדן דעם צדיק און אראפ געלאזט מיט א שטריק צום אייל, אנקומענדיג אונטן האבן זיך באוויזן צו אים די אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב, און אים מודיע געווען אז מארגן וועט ער זיך געזעגענען פון די וועלט לעולם שכולו טוב – אין גן עדן.

זייט דעמאלטס איז די עפענונג צו די מערה פארשלאסן געווארן, און קיינער קען נישט אריינגיין דארטן, מיט די צייט איז די גאנצע מערה פון אונטן גע'אסר'ט געווארן פאר אידן אריינגיין (און אזוי אויך להבדיל די אראבער), און די תפילות ווערן געדאוונט נאר ביי די גרויסע בנין אויף די מערה.

אין ספר מראה פנים אויפן ירושלמי (תענית פ"ד) פארציילט דער מחבר "ווען איך בין געווען אין איטאליע האב איך געהערט פון א שליח פון חברון א איש נאמן החכם מו"ה יצחק זאבי ז"ל. אז דער מערת המכפילה איז יעצט אונטער די הענט פון די ישמעאלים זיי גייען דארט אריין יעדן טאג, און אויב א צווייטער גייט אריין באקומט ער טויט שטראף. אפילו דער אראבישער שומר אויב לאזט ער עמיצן אריין ווערט ער באשטראפט מיטן טויט.

האט ער דערציילט אז ווען איך בין געווען א קינד בין איך געווען אינעווייניג אין די מערה, ווייל מיין מאמע האט פארשטאנען צו פארשידענע רפואות, און ווען דער שומר איז אמאל קראנק געווארן און ער האט גערארפט האבן פון אירע רפואות, האט ער געהייסן אז זי זאל קומען ביינאכט, און מיט זיין רשות האט זי מיר מיטגענומען.

מיר זענען אריין אינעווייניג, און געזעהן די שיינע כיפה, וואס הילני המלכה האט אויפגעבויעט, דאס איז הערליך שיין אויסגעצירט, און אויסגעמאלן פארשידענע בילדער אלס סימנים אויף די אבות ואמהות וואס ליגן דארט.

מיר האבן אויך געזעהן אז אויפן דאך איז אויפגעשריבן אברהם און קעגן איבער שרה, אינדערמיט איז אויפגעשריבן יצחק און קעגן איבער רבקה, און דערנאך יעקב און קעגן איבער לאה.

נאך האט ער דערציילט אז ער האט געזעהן ביי די זייט א קעסטל אין די וואנט, דער שומר האט אים געזאגט אז עס איז אנגענומען אז דארט איז באגראבן עשו'ס קאפ, עס איז גארנישט אויפגעשריבן נאר דאס קעסטל האט מען געמאכט אלס א זכר. אזוי שטייט טאקע אין גמרא מס' סוטה, אז חושים בן דן האט אים גע'הרג'עט יענעם טאג וואס יעקב אבינו איז געברענגט געווארן צו קבורה אין מערת המכפילה.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


בס"ד

## וזוכר חסדי אבות – ומביא גואל לבני בניהם

אין ספר מצבת קודש ברענגט ער אראפ וואס עס איז מקובל פון צדיקים, אז דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האט געזעהן אין הימל אז עס איז נגזר געווארן אויף כלל ישראל, אז מען זאל רח"ל פארברענען אלע ספרים פון תורה שבעל פה (ווי ש"ס ופוסקים, מפרשים על הש"ס, ועוד) האט דער בעל שם טוב הק' מודיע געווען פאר זיין שוואגער הרה"ק ר' גרשון קיטעווער זי"ע, און אים דערציילט די שרעקליכע גזירה, דער בעש"ט האט אים אויפגעפאדערט ער זאל פארן צו די שטאט חברון, און זיך משתטח זיין אויף די קברי אבותינו אין מערת המכפלה.

ר' גרשון זי"ע האט זיך גלייך ארויסגעלאזט אין וועג, אנקומענדיג קיין ירושלים האט ער דאס מודיע געווען פאר'ן אור החיים הקדוש זי"ע, פון דארט האט ער ממשיך געווען זיין וועג צום מערת המכפלה, ווען ער איז אריין אין די מערה זיך אויסבעטן, איז אים אנטקעגן געלאפן דער אראבישער שומר, וועלנדיג אים הרג'ענען רח"ל, ר' גרשון האט אים געווארפן א גאלדענע מטבע, און איז אנטלאפן.

צומארגנס האט זיך איבער גע'חזר'ט דאס זעלבע ווי ביים ערשטן טאג, אזוי אויך די דריטע און פערטע טאג, אבער ביים פערטן טאג האט ער זיך געשטארקט און זיך איינגעבעטן ביים אראבער ער זאל אים נאר אפאר מינוט געבן צייט זיך אויסצובעטן און דערנאך גייט ער אוועק, ברחמיו יתברך האט דער אראבער מסכים געווען, אבער מיט א תנאי אז ער מאכט דאס שנעל און געשיקט, ווייל ביז א שטיקל צייט ארום, קומט אים טוישן א צווייטער שומר.

ווי אפגעשמועסט האט זיך ר' גרשון שנעל אריינגעכאפט אין מערת המכפלה, ער האט זיך אזוי צווויינט מיט בכיות נוראות בעטנדיג רחמים פון די אבות הקדושים, די צייט האט געטוהן זיינס, און .... עס האט זיך באוויזן דער נייער שומר, און געטראפן ר' גרשון אין די מערה, מיט גרויס כעס האט ער זיך ארויף געווארפן אויף אים, געבינדן מיט קייטן, אריין געווארפן אין זייער תפיסה, און געווארט אויפן פסק דין, מיט וועלכע מיתה מען וועט אים הרג'ענען רח"ל.

עס איז געווארן דאנערשטאג – די פינעפטע טאג, האט זיך דער אור החיים הקדוש פלוצלינג זייער פארבענקט נאך ר' גרשון, און האט אים געלאזט רופן צו זיך, מען האט אים אבער נישט געטראפן, און מ'האט נישט געוואוסט וואו ער איז פארשוואונדן געווארן.

פרייטיג פארטאג'ס איז ארויס דער פסק, אז מען גייט אים רח"ל פארברענען לעבעדיגערהייט, דער אורח החיים הקדוש האט זיך ארום געדרייט יענעם פרייטיג זייער פארוויטאגט, ענדליך האט ער זיך געשטעלט דאווענען מנחה פון ערב ש"ק, אזוי ווי דער אור החיים הק' האט געענדיגט דאווענען מנחה, האט זיך די טיהר געעפנט, און ר' גרשון האט זיך באוויזן ביים טיהר, אויסשרייענדיג "א גוט שבת, א גוט שבת!", ער האט זיך געשטארקט און דערציילט די מורא'דיגע נס וואס איז מיט אים געשעהן אז ער איז ניצול געווארן דורכ'ן דערמאנען א שם, און אזוי איז ער געראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט, און האט אויך אויסגעפועל'ט א ישועה פאר כלל ישראל.



תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

## רבינו הק' במערת המכפלה

אין ספר 'דרך המלך' (עמ' ע"א) ברענגט ער אז ווען רבינו הקדוש זי"ע איז אנגעקומען (דאס ערשטע מאל) קיין ארץ ישראל אין יאהר תרצ"ב, איז ער געפארן קיין חברון זיך משתטח צו זיין אויף קברי אבות, ביים אנקומען האט מען געדאוונט מנחה, דערנאך האט דער רבי אנגעפאנגען צו זאגן תהילים און האט דארט איינגעריסן וועלטן אויף צרות הכלל והפרט.

הרב החסיד ר' שמעון הויזמאן ז"ל האט דארט באגעגנט דעם רבי'ן, האט ער דערציילט פארן רבי'ן א גאר אינטערעסאנטער מעשה, ווי אזוי ער האט מיט א גאר א געלונגענעם שפיצל זיך ארייגעכאפט אינאיינעם מיטן אדא'ער רב זצ"ל (א תלמיד פון דעם הייליגן צאנזער רב זי"ע וועלכער האט אויף זיינע עלטערע יארן געוואוינט אין ירושלים), אין די מערה, וואס כידוע איז געווען גע'אסר'ט ארייצוגיין אין מערת המכפילה.

ר' שמעון ז"ל האט פארציילט פאר'ן רבי'ן ז"ל: אז איינער פון די שומרים פון די מערה, האט געבארגט פון מיר א ריזיגע סכום געלט, און ווען ער האט מיר געדארפט אפגעבן דעם חוב האט דער אראבער נישט געהאט צו באצאלן, האב איך זיך אנגערופן צו אים, אז לויט די געזעץ קען איך דיר יעצט ארעסטירן אבער איך בין דיר מוחל מיט א תנאי – אריינרוימענדיג אין זיין אויער – אויב דו וועסט מיר ארייןלאזן אין מערת המכפילה מיט נאך איין איד בין איך דיר מוחל דעם חוב.

מיט א הארץ פול מיט ציטער האט ער מסכים געווען, אבער ער האט זיך אויסגענומען אז נאר צוויי אידן קענען זיין אינעווייניג, און זיי זאלן גיין אנגעטאן מיט אראבישע קליידער, קיינער זאל נישט דערקענען אז זיי זענען אידן, אויסער דעם זאלן זיי שנעל ענדיגן זייערע תפילות.

ר' שמעון זעצט פאר "איך האב אוודאי צוגעשטימט און לויט זיין פארלאנג האבן מיר מחליט געווען אז מיר וועלן אריינגיין אין די מערה די נאכט פון ערב יום כיפור".

"איך בין גלייך אריבער צום אדא'ער רב און

## געהייסן זינגען "אני מאמין"

**אין ספר "דרך המלך" (עמ' רל"ב) ווערט געברענגט אז הרה"ח ר' מאיר שטיין שליט"א האט דערציילט אז ער האט געהאט די זכיה מיטצופארן מיטן רבי'ן צו די מקומות הקדושים מערת המכפלה און קבר רחל אין די טעג פון עשרת ימי תשובה שנת תש"ו, דער רבי ז"ל האט געזאגט דארט צען קאפיטלעך תהלים ביי די מערת המכפלה, און נאכדעם איז ער געבליבן שטיין פאר'דביקות'ט עטליכע מינוט, און די זעלבע זאך איז אויך געווען ביי קבר רחל.**

**אינמיטן וועג האט דער רבי זי"ע געהייסן פאר די מיטפארערס זינגען די ווערטער "אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח וכו'".**

**מ'האט אנגעהויבן צו זינגען "אני מאמין", אבער מ'האט נישט גוט געזינגען דעם ניגון, האט זיי דער רבי זי"ע אפגעשטעלט אינמיטן זינגען און האט זיי פארראכטן, ווי אזוי עס קומט ריכטיג דער ניגון.**

*

**[אגב, כ"ק מרן רבינו שליט"א האט דערציילט אז מיט אט דעם הייליגן ניגון פלעגט זיך זיין פאטער מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע זיך מחזק זיין אין לאגער און אויך שפעטער וויגן דערמיט דאס וויגעלע פון די קינדער].**

אים איבערדערציילט די גאנצע מעשה, און אז ער זאל זיין דער וועלכער זאל מיט גיין מיט מיר אויף דעם מסוכן'דיגן וועג".

"דער אדא'ער רב האט זיך זייער צופייערט און זייענדיג זייער שוואך האט ער גלייך גע'חלש'ט און עס האט גענומען א לאנגע צייט ביז מען האט אים דערמונטערט, אבער ווי נאר ער איז געקומען צו זיך, האט ער מיר געבעטן איך זאל אים טאקע מצרף זיין צו די הייליגע שליחות".

"אזוי זענען מיר ביידע אנגעקומען מיט אראבישע קליידער אין מערת המכפילה, צו ערשט זענען מיר אריין צו קבר אברהם, פון דארט זענען מיר אראפ צו קבר יצחק, פלוצים האט אונז אנגעכאפט א מורא'דיגן פחד, איך בין זייער דערשראקן געווארן אבער דער אדא'ער רב האט זיך אנגערופן "**פחד יצחק, פחד יצחק**", פון דארט זענען מיר אראפ צום קבר יעקב ווי פלוצלינג איז דער אראבער געקומען צולויפן אז מיר זאלן שוין ארויסגיין, מיר האבן זיך ארויסגעשארט פון א אונטער טיר אהיימקומענדיג בשלום צו אונזער שטוב".

דער רבי הערנדיג די מעשה האט ער דאס זייער באוואונדערט און געזאגט, "**פחד יצחק, א פחד לדורות, א פלא פון א זאך**".

## חובת השעה

פאר אונז תלמידים וחסידים פון רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע און זיינע ממשיכי דרכו, לאורם ניסע ונלך, איז באקאנט וואס דער רבי ברענגט אראפ קלאר אין זיין ספר על הגאולה ועל התמורה (סימן ק"ז) וזה לשון קדשו: [איבער געזעצט אויף אידיש]

**"אין היינטיגע צייטן זאל מען נישט גיין צום מערת המכפלה, ווייל עס איז דאך איינגענומען געווארן דורך די ציונים וכופרים, און נאר דורך זיי קען מען היינט אנקומען דארטן דאורענען, במילא מיטן גיין אליין איז מען זיי מחזק, וואס מיטן עובר זיין אויף די 3 הארבע שבועות האבן זיי איינגענומען די מערת המכפלה** (און די כותל מיטן קבר רחל)".

פירט אויס דער רבי בלשון קדשו: **אז חוץ פון די אלע חששות** – וואס דער רבי ברענגט אראפ עפ"י הלכה – **איז דאך דאס גיין צו מערת המכפלה, אזא פלאץ וואו לאנגע יארן זענען די גדולי עולם נישט געגאנגען אהין, עס איז מיר קלאר** – שרייבט דער רבי – **אז ווען דער אר"י הקדוש וואלט געזעהן אז דער רצון הבורא איז מען זאל גיין אהין, וואלט ער בכח תפילתו אויסגעפועלט אין הימל, אז מען זאל געבן רשות פאר אידן א פלאץ ווי זיי זאלן זיך קענען אויסבעטן, און נישט דורך אזעלכע רשעים, און אוודאי האבן מיר נישט קיין כוח אויסצוטרעפן נייע וועגן וואס אונזערע גדולי ישראל האבן נישט געוואוסט פון דעם.**

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# קעסטל רעטעניש

**מעק אויס די נומערן וואס באטרעפן: ג - ז - ט - כ - נ - ס - פ - ת**

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 40 | 5 | 9 | 200 | 7 | 3 | 2 | 1 |
| 50 | 10 | 5 | 20 | 200 | 3 | 300 | 20 |
| 100 | 60 | 2 | 200 | 100 | 8 | 9 | 90 |
| 2 | 400 | 100 | 70 | 3 | 10 | 80 | 5 |
| 4 | 1 | 9 | 5 | 1 | 7 | 30 | 60 |
| 5 | 3 | 6 | 20 | 8 | 400 | 50 | 40 |

די אנדערע נומערן שרייב אריין די אותיות וואס זיי באטרעפן אין די קומענדיגע קעסטלעך וועט אויסקומען:

**וואס איז געווען מיט די מענטשן?**

- ❍ זיי זענען אוועק יונג
- ❍ זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער
- ❍ זיי זענען באערדיגט אין מערת המכפלה